

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת בשלח

# אהבה און יראה

פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים
כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון אייער טאטע

## פרשת בשלח

# אהבה און יראה

ס'איז געווען א געווענליכער טאג אין דער שטאט ביתר. די ישיבות און כוללים האבן צעשפרייט זייער קול תורה אין גאנצן שטאט. די געשעפטן זענען געווען פול מיט אידן וואס קויפן איין לכבוד שבת קודש. און טויזענטער קינדער האבן אנגעפילט די קלאסן פון די חדרים און מיידל שולעס.

פלוצלונג האט א מעכטיגער רעש אדורכגעשניטן די רואיגע אטמאספער. פענסטערס האבן געטרייסלט, פייגלעך זענען אנטלאפן פון די ביימער, די גאנצע לופט איז געווארן אויפגעשאקלט. וואס איז געשען דא? יעדער האט זיך דערשראקן, "וואס קומט דא פאר? האבן די אראבערס געשאסן א מיסיל פון די שטאט גאזא? ווער ווייסט? זאל מען לויפן אין די שעלטערס זיך באהאלטן?

אין תלמוד תורה 'נטעי חיים', האט רבי מעלצער גלייך ארויסגענומען זיין ספר תהילים און געהייסן די קינדער טון דאס זעלבע. אינאיינעם האבן די כתה ד' קינדער אנגעהויבן צו זאגן די פסוקים פון תהילים מיט גרויס כוונה.



נאך לאנגע, שרעקעדיגע מינוטן וואס די קינדער האבן נישט געוואוסט וואס דא קומט פאר, איז דער מנהל, רב בלאך שליט״א, אריינגעקומען אין כתה.

״קינדער בארואיגטס ענק. איך האב יעצט באקומען א מעלדונג אז ברוך השם, מען דארף נישט מורא האבן. די באמבע האט עקספלאדירט אין דער אראבישע דארף, פונקט דארט אין דער בנין וואו זיי האבן געהאלטן אינמיטן צאמשטעלן א מיסיל צו שיסן אויף די אידן. אט די מיסיל האט עקספלאדירט ביי זיי און האט גע'הרג'ט הונדערטער טעראריסטן וואס האבן זיך געהאלטן דארט אינמיטן טרענירן!״

די אינגלעך זענען געבליבן שאקירט. יעדער האט פריי אפגעאטעמט אז די באמבע האט נישט עקספלאדירט אין א אידישן געגענט. זיי זענען געווען אזוי נאנט צו א טראגעדיע, און אנשטאט דעם האט דער אויבערשטער באשטראפט די טעראריסטן, די רשעים, נאך פאר זיי האבן געהאט א געלעגנהייט צו שעדיגן די אידן.

מיטאמאל האט אלי' זיך אונטערגעהויבן פון זיין בענקל און אנגעהויבן צו זינגען: ״הודו לה' כי טוב...״ צוזאמען האט די גאנצע קלאס אנגעהויבן צו זינגען און טאנצן, דאנקנדיג השי״ת פאר די געוואלדיגע נס וואס ער האט דא באוויזן. אויך פון די אנדערע כיתות האט זיך ארויסגעהערט א געזאנג, וואו דער מנהל איז געגאנגען פון כתה צו כתה אנצוזאגן די גוטע בשורה. די זינגעריי האט זיך צעשפרייט איבער די גאנצע תלמוד תורה. די רביים און תלמידים זענען ארויסגעקומען אין די האל און זיך אנגעכאפט האנט ביי האנט, טאנצנדיג און זינגענדיג.

אינמיטן טאנצן האט רב בלאך אויפגעהויבן זיין האנט אלס צייכן אז ער וויל עפעס זאגן. יעדער איז שטיל געווארן.

״איך וויל נעמען ערלויבעניש צו זאגן דא עטליכע ווערטער,״ האט ער אנגעהויבן, ״מיר זענען טאקע זייער פרייליך אויף די געוואלדיגע נס וואס דא איז פארגעקומען אבער מיר דארפן אויך וויסן אז ס'איז גארנישט אזוי פויגלדיג, דער מצב איז זייער ערנסט.״

״אוי וויי,״ האבן זיך די קינדער דערשראקן, ״וואס האט ווייטער פאסירט?

א כתה ז' אינגל האט אויפגעהויבן זיין האנט, ״זענען געווען אידן דארט אין דעם געגענט, און זיי זענען חס ושלום געשעדיגט געווארן?״ האט ער פרובירט צו צוטרעפן וואס רב בלאך האט געמיינט דא אז דער מצב איז ערנסט.

״ניין חיימ'ל, מיר קענען גאנץ זיכער זיין אז עס זענען נישט געווען קיין אידן דארט,״ האט דער מנהל בארואיגט די קינדער. ״מיר דארפן נאר אריינטראכטן וואס איז דער לימוד וואס השי״ת וויל אונז דא ווייזן?״

״אה, איך מיין אז איך ווייס,״ האט אן אנדערער אינגל זיך אנגערופן, ״ס'איז א מכה אויף די טעראריסטן, פונקט ווי די מכות אין מצרים און קריאת ים סוף, וואס דער אויבערשטער האט געברענגט צו באשטראפן די מצריים.

"אקעי, אבער דו ווייסט אז לאנג נאכדעם וואס די מצריים זענען באשטראפט געווארן חזר'ט די תורה איבער די שטראפן פון די מצריים," האט רב בלאך ממשיך, "דער אויבערשטער זאגט אונז אז אויב מיר וועלן זיך צוהערן צו די תורה וועלן מיר נישט באשטראפט ווערן ווי די מצריים. פארוואס זאל אונז דער אויבערשטער סטראשען מיט די שטראפן פון די מצריים?

דער ענטפער, קינדערלעך איז, אז א וויכטיגע יסוד צו קענען זיין אן ערליכער איד איז צו מורא האבן פון השי"ת! וויפיל מיר ווייסן אז מיר וועלן באלוינט ווערן אין עולם הבא מיט די גרעסטע און בעסטע שכר וואס מיר קענען זיך נאר פארשטעלן, דארף מען נאכאלץ מורא האבן פון די שטראפן פון השי"ת. ס'איז א מצוה אין די תורה, "ויראת מאלקיך". ער איז גרויס און מעכטיג און אויב מען טוט עפעס קעגן זיין רצון איז דאס זייער נישט אויסגעהאלטן.

אבער השי"ת האט אונז זייער ליב. און ער וויל אונז נישט באשטראפן, וואס טוט ער? ער שיקט די אלע שטראפן אויף די רשעים פון אנדערע פעלקער, און אזוי זעען מיר זיין שטארקן כח ווען ער באשטראפט. דעריבער זאגט אונז די תורה, 'קוק מיט וואס די מצריים זענען באשטראפט געווארן.' ער האט נישט ליב אונז צו באשטראפן, ער וויל ענדערש אז מיר זאלן נאכקוקן די שטראפן פון די מצריים און אזוי זיך אפלערנען א לימוד.

דער אויבערשטער וואלט ווען געקענט ארויסנעמען די אידן פון מצרים אן קיין מכות. און פונקט אזוי וואלט ער ווען געקענט אפשטעלן די טעראריסטן אן דעם וואס עס זאל אויפפלאצן א באמבע. אבער השי"ת האט אויסגעוועלט צו באשטראפן די רשעים בקול-רם, פאר יעדן צו זען און הערן, אז מיר זאלן זיך אפלערנען אז ס'איז נישט גוט צו טון עבירות ווייל דער שטראף איז זייער גרויס.

מיר דארפן טאקע זינגען און טאנצן, און לויבן השי"ת אויף דעם געוואלדיגע נס וואס ער האט דא געטון צו אונז, און אונז געראטעוועט פון די מצריים און די טעראריסטן, אבער אין דער זעלבער צייט דארפן מיר געדענקן דער לימוד וואס מיר נעמען ארויס. יעדעס מאל וואס מיר זעען דעם אויבערשטנ'ס כח אויף דער וועלט, ביי אן ערד ציטערניש אין איראן, א פארפלייצונג אין דייטשלאנד, אדער די אראבערס ווערן באמבאדירט - דארפן מיר געדענקן אז השי"ת וויל אז מיר זאלן ארויסנעמען דער לימוד דערפון.

און יעצט אז מיר האבן זיך געלערנט אזא וויכטיגע לימוד, לאמיר ממשיך זיין צו זינגען און טאנצן, אוי טוב להודות לה'..."

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**


כל הזכיות שמורות